STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04139

IN YOMER-THAL IN LAND FUN VILDE BROYNE BESTYES

Shimon Ben-Levi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין
יאמער־טהאל
אין
לאַנד פון ווילדע ברוינע בעסטיעס.

וועןַ אַ וועלט זאָל אַלץ וויסען,
וואָס דאָרט ווערט באַגאַנגען, —
וואָלט זי צום לעבען און לוסט
ניט געהאַט קיין פאַרלאַנגען . . .

פון שמעון בן־לוי

——:——

פערלאַג „שמעוני״
ניו־יאָרק

New York, May 5th, 1939

פרייז 10 סענט

New York, May 5th, 1939

די קללה ...

איך בין צו דיר, מיין פאָלק, געקומען
ניט מיט זיסע רייד פון טרייסט צו שטילען דיין געוויין,
ניט באַרוהיגען אַ געפּייניגטע נשמה, —
אַ גרויסען בראָך, מיט ריהרענדע ווערטער פון נחמה.
נאָר מיט דיר אינאיינעם
נאָך מעהר יאָמערן און וויינען,
אויף אַ ביטערע מערכה, —
אויף אַ גרויזאַם-פינסטערן שיקזאַל,
וואָס אַן אומדערבאַרמדיג השגחה
האָט מיט אַ כיוון דיך צעוואָרפען איבעראַל:
אין יעדען פלאַץ און אָרט,
אין אַלע עקען וועלט,
וואו נאָר אַ מענשליך-בריאה דאָרט
האָט זיין פוס געשטעלט.
אומעטום מיט דיר צוזאַמען
וועל איך קלאָגען, זיפצען, טרעהרען גיסען
אויף אַ גרויסען אומגליק, — אַ טיעפען, אַ פרישען,
אויף אַ דריטען חורבן, — אַ שפּאָגעל-נייעם.
און אויסקרעכצען קינות נייע,
ניט דערזאָגטע, ניט דערוויינטע...
מיט אַן „אלי-ציון" אויסלאַז, — נאָכ'ן אַלטען פזמון.
טראָגען וועלען מיר בייגאַנד דעם טיעפען צער און צאָרן:
אינאיינעם ליידען, שמאַכטען, קרעכצען, —
צום מאָל — שרייען, לאַרמען, קברים רייסען;
און שילטען און פלוכען און די גאַל אויסשפּייען —
אויף אַ שרעקליכען פאַרראַט,
אויף אַ העסליכען באַטרוג,

וואָס האָט ניט קיין גלייכען אין אַלע צייטען.
אויף אַ געשענדעטען גלויבען,
אויף אַ פאַרגוואַלטיגטען געוויסען,
אויף אַ מענשליך רעכט געשמידט אין קייטען,
צו דר׳ערד געוואָרפען, מיט די פיס געטראָטען.
און פון טיפען שמערץ זיך צופען, בייסען,
די האָר פון קאָפּ אויסרייסען,
פאַר דעם פינסטערן גורל פון אַ קליינע אומה,
וואָס קען ניט קומען צו איהר תקומה;
וואָס דורשט נאָך לעבען — און מען לאָזט ניט,
וואָס לעכצט נאָכ׳ן טויט — און עס קומט ניט...

איך זעה, איך וויים, איך פיהל, —
ס׳איז ניט דעם בלינדען-שיקזאַל׳ס שפּיעל;
טאָ זאָגט-זשע, הימלען, זאָגט! איז דאָס אַלץ מיט
אייער וויסען,
פאַראויס באַשטימט, מיט אַ כיוון, מיט אַ ווילען?
און ווערט פון שמאָך און וועהטאָג ניט צעריסען?
איך פרעג אייך, וואו איז דער ציעל און וואָס איז דער מיין?

און די הימלען? — זיי שווייגען שטום.
ס׳געהט זיי ניט דאָרום;
זיינען טויב צום מענשליך-מין;
זיי האָבען מיט איהם גאָר נישט וואָס צו טהאָן...
צו וואָס דערמאָהנען מענשען-ווערים?
וואָס געהט׳ס די הימלען אָן?
און זייט מיר מוחל, איך בעט אייך, דאָרטען אויבען,
מיך פאַר די רייד ניט שטראָפען!
דאָס רעדט מיין צער, מיין טיעפער וועהטאָג, —
איך קען מיר גאָר ניט העלפען!
אין מיין עלענד, אין מיין שוואַכקייט, אָהן אַ שיעור
קלאָגען מוז איך, — וויינען, בעטען און שילטען אָהן
אויפהער...
ווער וויים? פיליייכט וועט אַ וואונדער טרעפען, —

און מיין פלוך און צאָרן וועלען פעלזען ריהרען?
אָדער אַ נס וועט געשעהן, —
און אַ דונער אַ גרויסער, אַן ערד-ציטער
וועט אַ מיאוס וועלט'ל צעטרייסלען, צעשמעטערען?
און אפשר וועט גאָר אַמאָל חרטה קריגען
אויף דער גאַנצער מעשה, דער רבונו-של-עולם,
און איבערדריסיג וועט איהם ווערען
אויף דער בריאה וואָס איז ניט געלונגען,
און אָפּטהאָן זיין פורעם פון מענשליכען גולם,
וואָס האָט איהם קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען
און וועט איהם אייביג ניט פאַרשטעהן...
ווער קען וויסען די וואונדער וואָס אַ וואונש פון
אַ פאָלק קען שאפען?
ווי טיעף און הויך זיין וועה-געשריי קען אָנשפּאַרען?...

איך קום, איך געה מיט דיר, מיין פאָלק, צוזאַמען!
זאָל דונערן און בליצען, מעגען שטורם-ווינטען בלאָזען,
מעג די ערד אונטער די פים ציטערן, —
ביז מיין לעצטען אָטהעם וועל איך דיך ניט פאַרלאָזען.
מיט דיר אינאיינעם זיך באַהעפטען —
אַ גרויסען וועלט-קומער העלפען טראָגען.
און וויין ווי וואָקס שמעלץ-אוים אַ הארץ!
און לאָז עס צוגעהן פון יעדען פיין, פון יעדען שמאַרץ.
און פיהלען מיט'ן האַרצען, מיט'ן מוח באַגרייפען
די ביטערע נויט, די פינסטערע ליידען.
און אומפאַסען מיט פאַרשטאַנד, אין זיין פולער גרויס,
דעם גאַנצען אומגליק, דעם טיעפען בראָך.
און איינזאַפּען דעם זין פון אַ פאַראומערט, וויסטען לעבען;
און אויסשרייען הויך פאַר אַ האַרצלאָזע וועלט!...
און שמייסען אין איהר קאַלטען, פאַלשען פנים
די שרעקליכע זינד, דאָס גוואַלטיגע אומרעכט...

און קום, צום יאָמער-טהאָל לאָמיר געהן! —
אין דעם לאַנד פון ווילדע ברוינע בעסטיעס,

און זעהן, און הערען וואָס דאָרט איז געשעהן.
ניט ווישען זאָלסטו דיינע טרעהרען,
ניט פאַרשטיקען אין זיך דיינע קרעכצען;
זאָל אַ וויסטע וועלט זעהן, הערען און שטוינען,
זאָל זי רויט ווערען פון שאַנדע און פאַרדרוס;
איהר פנים זאָל ווי אַ העליש פייער ברענען,
און אליין פון זיך מיט האָס און עקעל אָפּקעהרען,
און לויפען, לויפען, — פון זיך אליין אַנטלויפען...
און אייביג זאָל איהר גייסט קיין רוה ניט געפינען,
און שטעהן זאָל דאָס בילד שטענדיג פאַר איהרע אויגען,
און מאַטערן זאָל איהר דער קאַלטער געוויסען,
און פאַר יאָהרען זאָל דאָס בלייבען אין זכּרון,
און פאַר לאַנגע, לאַנגע דורות ניט פאַרגעסען...

און קום, און זעה אַ פרייען שדים-טאַנץ,
אין זיין פול'ער פראַכט, אין זיין פולען גלאַנץ!
ווער עס וו"יל נעמט אַ האַנט,
ניטאָ קיין רעכט אין בלוטיגען לאַנד.
ווילסטו? הרג'ע, ווילסטו? — שעכט!
ברעך, שטעך, וואָס דיין האַרץ גלוסט,
אַלץ איז גלייך אין דעם ברוינעם רייך!

און קוק, און זעה, ווי צעיושעטע צוויי-פיסיגע משחיתים,—
אייניקלאַך פון אַמאָליגע גרויזאַמע הונען,
האָבען באַוויזען אַ וועלט —
אַ בייזע, שוואַרצע גבורה וואָס זיי קענען.
אַפּילו אַטילאַ, דער אַלטער זיידע, וואָלט זיך שעמען
אין זיין ווייטען האַלז אַריין און אַ כּפּרה איינגעהמען.
און ווי בלוט-דורשטיגע באַרבאַרען פון פינסטערע צייטען,
האָבען זיי אַ בלוטיגען קאַראַהאַד געטאַנצט,
אַזוינעם, — ווען דו זעהסט דאָס נאָר איין מאָל,
וועסטו ניט פאַרגעסען קיין-מאָל, קיין-מאָל,
און די אויגען וועלען קריכען פון שטערן,
און דער מאַרך אין די ביינער וועט פאַרטריקענט ווערען.

און קוק, און שטום, און זעה!
אין ליכט פון העלען טאָג,
ווי וואַנדאַלען זיינען אָנגעפאַלען
אויף אידיש לעבען, האָב-און-גודם:
גע'הרג'עט, גע'מזיק'ט, געברענט, געבראָטען,
צעריסען, צעגאָסען, צעפליקט, צעשאָטען;
מאַכטלאָזע זקנים, עופה'לעך קליינע,
געמאָרדעט, געפייניגט מיט גרעסטע אכזריות;
קיינעם, קיינעם ניט געשוינט, — ניטאָ קיין רחמנות...
און געה פאָרזיכטיג, פאַמעלאַך אין די גאַסען,
ווען קיינער ווייס ניט, מען זאָל דיך ניט דערקענען,
און מיש דיך אוים צווישען די מאַסען;
און קוק, דאָ און דאָרט, אויף אַלע טראָטואַרען
ליגען שטיקער האָפנונגען, ווי רויך צעשוואומען;
אוצרות גאַנצע, אָפגעשפּאָרטע פאַר יאָהרען
דורך מענשליכען שוויים און אויסערגעוועהנליכען
געניום...
קופּעס, קופּעס, פון ערשט-נעכטען געוועזענעם פאַרמעגען,
פון זאַכען, וואָס האָט אַ ווערטה געהאַט,
אויסגעמישט מיט שטיקער גלאָז פון צעבראָכענע שויבען,—
צעוואָרפען, וואו דו געהסט און שטעהסט אונטער
דיינע פים.

און וויטער געה, נישט שטעל זיך אָפּ!
קוק אָן דעם בראָך און הער דעם קלאָג,
און ניט קראַפּירען זאָל דיין האַרץ פון וועהטאָג.
זעהסט: לאַגערן, געשעפטען, קראָמען מיט
שוואַרצע לעכער
קוקען אויף דיר דורך צעבראָכענע טהירען און פענסטער;
מיט פאָליצעס אינוועניג, צעוואָרפען, צעקרימט,
פאַררויכערט, ווי נאָך אַ ניט דערברענטע שרפה.
און קוק אויף שטומע הייזער איינזאַמע,
פענסטער מיט פאָרהאַנגען אַרונטערגעלאָזענע,
פאַרשפּאַרט, פאַרריגעלט, ווי נאָך אַ מגפה.
דו געהסט, דו לויפסט,

די ערד ברענט אונטער דיינע פיס;
דו פיהלסט אין דער לופטען
א שמערץ א גרויסען, א צער א טיעפען...
עס צאפעלט א הארץ, א תל געווארען פון אלץ.
עס שווימען אויף אין דיין מוח געדאנקען, דו טראכסט:
אט זיינען קהילות, געמיינדעס, געטרייע בירגער
פאר דורות איינגעזעסען, טיעפע ווארצלען געלאזען.
פרייע מיטגלידער — זיך איינגעזאפט אין פאטערלאנד;
שאפענדע גייסטער פון מסחר, קונסט און פארנונפט;
און... זיהן און טעכטער — שטיקער פון אייגען לייב, —
ניט זעלטען פון הארצען געשניטען, צום „מולך"
געווארפען...
און איצט — א גרויל, א שרעק! אלץ פארוויסט,
צעשטערט,
אפגעמעקט, אפגעווישט, קיין זכר, קיין סימן פארבליבען...
א שטיק איינגעפונדעוועט לעבען
געוואקסען, געבליהט פאר דורות, —
צעטרייסעלט, צעמאהלען, פארניכטעט
ביז די סאמע טיעפסטע יסודות...

גרוים איז דער בראך, נאך גרעסער איז די נקמה!
אבער, גאט, ווי לאנג קען אויסהאלטען א פארפייניגטע
נשמה?

זאג שוין, נאר זאג, האט עס א זין?
האט עס א צוועק, צו וואס, צו ווען?

און ווייטער, ווייטער קום!
און זעה א טייוועל'ס שפיעל־און־טאנץ
אין זיין רעכטען ברען און גלאנץ.
און קוק ווי די תלמידים פון שטעקער, טרייטשקע
און ניצשע
האבען זיך א נעם געטאן מיט פליים און אמביציע,
מיט א פארקאכטע, הייסע, חזיר'שע יוכע,
צו מאכען א תכלית פון א הייליגען פארמעגען.

פון אַ גייסטיגע ירושה, צופעליג פאַרוואַגלט
אין יאַמער־טהאַל, נאָך פון גאַנץ אַלטע צייטען,
און אַבגעהיט, געפלעגט און געכאַוועט,
ווי אַן אוצר, ווי אַ שוואַרץ־אַפּעל פון אויג.
און אוי! ואבוי! צו וואָס אַ פאָלק האָט זיך דערלעבט, —
פון הינטישע ממזרים פאַרשפּיגען און פאַרשוועכט...

און קום מיט מיר אַהין, צום גלאַנץ פון דיין נשמה,
און זעה שטאָלצע פעסטונגען, הייליגטהימער
צו אַש געבראַכט, מיט ערד פאַרגלייכט.
שולען, טעמפלען געברענט — און לעשען פאַרבאַטען;
און קוק: דאָ און דאָרטען ליגען צעוואָרפען
הויפענס ספרים, חומשים, תחינות, קינות,
אַלטע, נייע, — הייליגע מטלטלים,
ווי לעבעדיגע יתומים, — אָהן טאַטען, אָהן מאַמען,
כאַפּען אויף דיינע פינסטערע בליקען.
זאכען פאַרזעהן פון וואַנדאַל׳ס הענט,
וואָס האָבען פאַר איהם סיי־ווי קיין ווערטה, —
אויסגעשמירט, פאַרקויטיגט אין אַש און אַשפּה.
און אָט פאַלט דיין בליק אויף אַ הייליגקייט,
פאַראומרייניגט,
צעריסען, מיט פאַרסמאַליעטע יריעות,
קוים צו דערקענען די „עשרת הדברות״ —
די גאַנצע „תוכחה״ נאָר פאַרבליבען,
בעטען זיך רחמים פון דער ערד אויפהויבען,
צו די הימלען פליהען...

גרויס איז דער פּיין, — דער וועהטאָג — אַ שרעק!
און מורא׳דיג זיינען די יסורים;
אָבער טיעפער פון אַלץ זיינען גייסטיגע ליידען —
הזיקות, — ניט אָפּצושאַצען, ניט איבערצוטראָגען.
גוואַלט! וואו נעמט מען אַ צרה,
וואָס זאָל וועלטען איינלייגען!...

און די וואַנדאַלען קענען דעם פּאַך פון אונטערצינדען,
זיי זיינען באַהאַוונט אין דער דאָזיגער תורה,
זיי האָבען דאָס ניט איינמאָל באַוויזען.
אָהן אַ פונק פון געוויסען, אָהן פורכט, אָהן מורא
פּאַר העסליכע טהאַטען, האָבען זיי בערג מיט ספרים,
ים׳ען מיט ביכער, אוצרות פון חכמה און וויסען,
פאַרניכטעט, פאַרברענט, צעריסען...
און איצט ווידערהאַלען זיי דיזעלבע געשיכטע
מיט מעהר ברען און ווילדער אַכזריות:
און אָט איז צעשמעטערט אַ קוואַל פון לעבען,
פּאַרדאַרבען אַ ברונען, פון וועלכען די שדים אַליין
האָבען ניט זועלטען געטרונקען...
אַ נאָבעלע ווירדע בלוטיג באַשפּיגען,
פּאַר׳מיאוס׳ט, פאַר׳חזיר׳ט, פאַרשוועכט.
ווער איז צום פאָלק און ווער איז צום שטאָם,
וואָס קען געדייהען און דולדען אַזעלכע וואַמפּירען!

און קוק און הער ניט אויף צו יאָמערן,
און ניט פאַרטונקעלט זאָלען ווערען די אויגען!
און זעה אַ מעשה נורא:
וואו אַ זקן איינגעוויקעלט אין אַ ספר תורה,
אויסגעפּוצט אין גאָלע ווייסען, — פון באָרד, היטעל
ביז די זאָקען, אין טלית און ווייסען קיטעל, —
אַלץ אין לויטער ווייסען, ווי יום-כפור צו נעילה,
ווי אַ ווייסער, לעבעדיגער בר-מינן...
און מיט אַ „שמע ישראל", וואָס קען הימלען שפּאַלטען
און פון שרעק דעם „כביכול" אַליין אומהיימליך מאַכען,
האָט ער אויסגעהויכט זיין געפּייניגטע נשמה;
פאַרשלונגען אין די פלאַמען וואָס האָבען
פאַרצעהרט דעם אַלטען בית-הכנסת...

וואויל איז צו דיר! אַ זכיה געהאַט צו ווערען אַ קרבן...
אַ קרבן? — פאַר וואָס, פאַר וועמען?
פרעג די שוואַרצע ציגעל אין די ווענט, —

די ניט דערברענטע האָלאָוועשקעס,
אפשר וועלען זיי דיר זאָגען!
פילייכט ווייסען זיי דעם סוד און זין
פון דיין ביטערן לעבען, און נאָך ערגערן טויט...

און די בלוטיגע מערדער זיינען דערביי געשטאַנען,
ביי׳ם „הייליגען פייער״ זיך געוואַרעמט,
און האָבען פון ווילדער הנאה,
ווי חזירים אין בלאָטע
זיך געקאַטשעט פון רויטען געלעכטער...
און געזונגען אַ שירה צו די ווילדע געטער
פון אמאָליגע ציידעם — די אַלטע טיוטאָנען, —
פון גרויזאַמע, פינסטערע באַרבאַרען,
וואָס פלעגען טרינקען „לחיים״
פון אַ מענשליכען שאַרבען...

גאָט! איך ווייס דו האָסט פון סוד אַ טהיר פאַרבאָרגען,
און פון געהיימנישען דעם שליסעל באַהאַלטען.
דו אַנטפּלעקסט ניט מעהר קיין נסים
צו אַ דור וואָס וויל פון דעם ניט וויסען;
צו אומגלויביגע מענשען-קינדער,
וואָס אונטערשעצען דיינע וואונדער.
אָבער אַן אויסנאַם פאַר דיין כבוד מאַך,
און מיט דיינע הענט טהו אַ זאַך:
אַז די קליינינקע „פליהענדע אותיות״
פון די פאַר׳שרפ׳טע ספר-תורות,
זאָלען ווי גיפטיגע פליגעלעך אַריינדרינגען
אין די רוצחים׳ס נעז-לעכער, מויל און אויערן,
און זאָלען קעפּ און מוחות עגבערן, בויערן
און סמ׳ען געהירן, לייב און לעבען;
און אַ צייט זאָל קומען, זיי זאָלען חלש׳ן, זוכען
גאָט׳ס וואָרט, — און וועלען איהם ניט געפינען...
און אַ שמוציגע גערעכעניש זאָל נאָך זיי פאַרבלייבען, —
מיט עקעל דערמאָהנען און מיט איבעל אויסשפייען.

און הערט, און שטוינט, — אַ חוצפּה, אַן איינפאַל
פון משוגעים, אידיאָטען און מענשליכען אָפּפאַל,
פון פינסטערע, בלוט-זויגענדע פּיאַווקעס,
וואָס פאַדערן באַלוינונג פאַר מעשים-תעתועים.
פאַר צעבראָכענע לעבענס,
פאַר אויסגעלאָשענע נשמות
פאַרלאַנגען באַצאָהלט די אוממענשליכע ברואים;
פון אַ טרוקען, אויסגעקוועטשטע לימאָנע —
בלוט אַרויסצאַפּען;
פון אַ דאַרען, אויסגעגריזשעט ביין —
מאַרך אַרויסציהען.
וואָס שטעכען מעסער אין אַ טויטענס האַרץ —
אויב עס טריפט נאָך בלוט, צי עס פּיהלט נאָך שמאַרץ.
וואָס לעקען און זויגען, ווי בלוט-דורשטיגע חיות,
דאָס פאַרגליווערט בלוט פון פאַרצוקטע קרבנות.
און ווי שוואַרצע קראָהען פליקען, רייסען
שטיקער פון קאַלטע מתים...

און אַ שטימע פון אַן עלענד-דערשלאָגען פאָלק
ווערט פאַרשריען, פאַרשטומט פון אַ וועלטס-פאַרגוואַלט;
אָהן קלענסטען ווידערשטאַנד, — געשאָכטען אָהן שטרייט,
מיט אַ האַלז אויסגעשטרעקט צום חלף — און שנייד!...

פּרעס, פּרעס, דו בעסטיע, מיינע אייטערדיגע וואונדען!
מיין גרינע-גאַל, מיינע צופּרעסענע לונגען,
אין ערזאַץ פאַר שפּייז קענסטו דאָס פאַרוואַנדלען;
און פאַרטרינקען מיט מיין, דורך דיר, פאַר׳סמ׳טען בלוט,
און זאָל דיר וואויל, ווי גיפט באַקומען!
אָ, צו קליין, צו נישטיג פאַר דיר איז מיין פלוך
צו קיהלען מיין כעס, מיין צאָרן!
איך האָב פאַר דיר אַ וואָרט, אַ מורא׳דיג-שווערען,
עס הענגט דאָרט ערגעץ אין דער לופטען;
און פאַלען וועט עס פון זיין אָרט
מיט אַ שווערע לאַסט, מיט אַ גוואַלטיגע קראַפט,
און צעריבען וועט ווערען פון שלעכטס אַ מאַכט,

און אפגעמעקט — פון שאַנד אַ פלעק, פון בלוט
אַ טראַכט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דער ערד אַרויסקריך, דו מענשליך-וואָרים!
און קום זעה:
ווי שטומע באַשעפענישען מיט בייטשען געשמיסען,
ווערט אַ פאָלק געטריבען צום שלאַכט-הויז ווי בהמות.
היימען צעפלינדערט, הויזגעזינדען צעריסען:
עלטערן פון קינדער, שוועסטער פון ברידער,
קינד און קייט, —
צעטהיילט, צעשניטען, צעפיצעלט גאַנצע משפּחות.
ווי אין אַ פינסטערע נאַכט, צעשראָקענע שעפעלאַך
פון הונגעריגע וועלף באַפאַלען, —
אין אומאָרדענונג טוליען זיך, אין מורא און אַנגסט,
איינס צו דאָס אַנדערע קליינע קינדערלאַך.
אויף די וועגען און שטעגען — אַן איבערוואַנדערונג,
געיאָגט, געטריבען פון פינסטערע כוחות,
ווי פון ניט גוטע אין אַ קדחת געוואָרפען...
ביטערע געוויינען, האַרצרייסענדע קרעכצען, —
ניט אויסצוהאַלטען, ניט איבערצוטראָגען!
צום גרעניץ אַהינצו ווערט מען געטריבען, —
אַהין, אַהין, דאָרט וואו די זון געהט אונטער,
וואו הימעל צו דער ערד לאָזט זיך אַרונטער.
אַריבער אויף יענער זייט זיך וואַרפען,
פון דאָרטען צוריק ווערען געוואָרפען,
ווי אַ גומענע פּילקע אַ פאָלק ווערט געשליידערט, —
פון האַנט צום וואַנט, הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ,
פון איין גיהנם — אין צווייטען,
פון צווייטען — אין ערשטען,
און... צוריק אין יאָמער-טהאָל,
צוריק אין בלוטיגען לאַנד!
דאָס האָבען די רויבער פון רציחה און כעס
געשפּיעלט מיט דיר בלויז אַ קאַץ-און-מויז שפּאַס...
דו קענסט דאָס הענקער-לאַנד סאַי-ווי ניט פאַרלאָזען,

דו מוזט צוערשט אויסלייז-געלט, —
פדיון-שבויים באַצאָהלען;
פאַר זיך, פאַר אַלעמען, פאַר לעבעדיגע, פאַר טויטע.
דו זאָגסט — דו האָסט ניט? — נישקשה!
די ברידער אויף יענער זייט, דאָרטען,
וועלען פאַר דיר „ערב-זיין", און גוט-זאָגען...

און ביי'ם גרעניץ דאָרט זיינען צונויפגעטריבען,
צונויפגעפרעסט אין שטאַלען פאַר בהמות,
פאַרצווייפעלטע, היימלאָזע, לעבעדיגע נפשות.
פינסטערע שאָטענס פון קראַנקע געשטאַלטען
ליעגען צעוואָרפען אין קאַלטע באַראַקען,
ווי הערינג אין פעסעל, ווי ווערים אין קבר...
טרויערן פאַריאָמערטע, פאַרוויינטע הערצער,
גיסען טרערען פאַרקלאָגטע נשמות, —
גיעסען, פליוכען, ווי אַ רעגען אין שפעטיגען הערבסט,
פאַרביטערט, פאַרגיפטעט פון יאוש און צווייפעל,
ביסלעכווייז, לאַנגזאַם געהן אוים די כוחות,
ווי אַ גליהענד פייער'ל פון טראָפּענס וואַסער געלאָשען...
אַזוי לעבט אַ פאָלק צווישען עקדעשען און שלאַנגען, —
מען רייסט פון אַ קראַנקע נשמה מיט צוואַנגען.
און דער רוצח לאַכט פון דיר,
פון מיר, — פון דער גאַנצער וועלט,
און זעהט, און שטוינט, און הערט,
ווי ער נעהמט איין אַ וועלט...
אַ, צו שוואַך איז פאַר איהם אַ שטראָף, צו ווייך איז
אַ נקמה!
ערגער פון זיי ביידען — מוז זיך דאָך אַ קללה געפינען,
און אַ מענשהייט פון איהר וועט אראָפּ פון זינען...

און די הויט שינדער זיינען זעהר ערפינדליך,
טהוען זייער פליכט מיט פליים און פינקטליך.
טראַכטען אוים טאָג-טעגליך גזירות נייע, פרישע נגישות,
און עס נעמט ניט קיין ענדע צו רשעות.

מיעד, פון כוחות אויסגעשעפט, לויפען די קרבנות,
פארמוטשעט, פארכאפט, ווי מייז אין א פאסטקע,
פון איין עק־לאנד צום צווייטען, — צו ארבע־פינות,
מיט א פונק פון האפנונג: אפשר, טאמער
וועט דאס צווייטע לאנד האבען רחמנות?
אבער טהיר און טהויער זיינען געשלאסען,
און ווערען מיט פאראכטונג צוריק אפגעווארפען:
צו'ם יאמער־טהאל, צוריק, — צום פארפלוכטען לאנד!
און צווישען האמער און קאוואדלע ביים שמיעד
ווערט א פאלק, בינו־לבינו, צעקלאפט און דערשטיקט...

און דערווייל פרעגסטו די אלטע שאלה:
וואס טהוט מען? וואס טהוט מען?
עס שווינדלט און גריבלען אין דיין מוח געדאנקען
פון מאכען א סוף צו א פאראומערט לעבען.
דו טראכסט: פון אלע ארבע מיתות, וועלכע איז בעסער?
וועלכע איז לייכטער, וועלכע איז שנעלער?
אדער, אפשר אין גאנצען זיך לאזען אויסלעשען,
און צאנקען, און אויסגעהן ווי א חלב'נע ליכטעל?...
און דער קאפ שפאלט זיך, דער מוח ברענט,
און דאס הארץ פיבערט ווי ביי א קראנקען,
און די זון ווערט צו בּיסלאך אויסגעלאשען...
וואס טהוט מען — פרעגסטו — וואס טהוט מען?
אט האסטו אן ענטפער:
גאנצע משפחות, מאדערנע קדושים,
נעהמען זיך דאס לעבען דורך אייגענע הענט;
דורך פארשידענע מיתות מיט גרויסע יסורים,
דורך סם־המות, דורך שרעקליכע ליידען, —
אבי ניט אריינפאלען אין טייוועלשע הענט...

און דער גרויסער פלאג, דער וועלט־קומער,
וואס האט זיך פארוואנדעלט, דורך לאנגע דורות,
אין שווארצע דראהענדע וואלקענס,
זאל ווי א שרעקליכער דונער אויף א מענשהייט קראכען!

און אַלץ פאַרדאַרבען און חרוב מאַכען,
און אַ בעסערע וועלט זאָל ווערען באַשאַפען...

אַט הער אַ וויץ פון אַן עכטען שוואַרצען טייפעל,
איינגעוויקעלט אין אַ פאַפען-גלח'ס פעל, —
אין אַ פרומען גייסטליך מאַנטעל,
און הער אַ דרשה פון אַ רשע-מרושע,
וואָס זאָגט: דער בייזער אויסברוך פון ווילדע מעשים,
פון צעבראָכענע לעבענס, צעקריפעלטע אברים,
זיינען פון גאָט אַ „טהאַט", פון הימעל „אַ קראַפט".
און די בלוטיגע הענקער און קאַלטע מערדער
זיינען נידריגער פון גראָז און שטילער פון וואַסער,
און אין אמת'ן, — גאָט די נשמה שולדיג... —
געהערט דיבורים פון וויסטע שיכורים?
אַ ניכפע זאָל כאַפען די געטער פון הונען,
טיוטאָנען און באַרבאַרען פון פינסטערע צייטען!
ווען מענשען פלעגען לעבעדיג ווערען געפרעסען
און די ביינער ביז צום טרוקען געזויגען...

געה, דו מענשען-חיה, געה, זעה דעם שאָדען
פון פאַרגאָסען בלוט, פון אַ צעבראָכען לעבען!
פון לעבענס אויסגעלאָשענע אין שמערצליכע יסורים,
פון ניט דערקוילעטע לעבעדיגע ברואים...
און אַ לופט אָנגעזאַפט מיט זינד און אומשולדיג בלוט
וועט דיך שטיקען, ווערגען, ווי אַ האַלז מיט שטריק
פאַרצויגען.
קוק! און די אויגען פון די לעבער וועלען דיר אויספאַלען.
און אַן עקעל צו זיך זעלבסט וועט דיך באַפאַלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און קום, לאָמיר איצט געהן אַהין, צום שרעקליכען לאַגער, —
צום גרויסען שלאַכט-הויז, צו אַ מענשליכער יאַטקע,

וואו העלזער ווערען געשניטען און קעפּ געהאַקט,
וואו לעבעדיגע מענשען ווערען געברענט און געבראָטען,
צו אַש געבראַכט, — אין קליינע קעסטעלאַך געפּאַקט.
און זעה מיט דיינע אויגען די מורא׳דיגע תפיסה,
און פיהל דעם דופק פון ליידען, דעם צאַפּעל פון טויט.
אריינפאַלען אַהינצו — איז אַ זיכערע מיתה;
אַך, און וועה, איז צו יענעם,
וואָס געפינט זיך אין דאָזיגען גיהנם;
און זעלטען, זעלטען ווען איינער
קומט אַרויס פון דאָרט מיט גאַנצע ביינער.
און געה שפּאַציר דורך שוואַרצע לאַבירינטען,
און קוק אַריין אין טיפע נאַסע קאַזעמאַטען,
וואו בלוט שטראָמט און פליסט אין אונטער-ערדישע
קוואַלען.

וואו אַ מענשליך וועזען צום טויט ווערט פאַרמאַטערט
דורך שרעקליכע יסורים און טייוועלשע ענויים.
אין אַנגסט און פּחד פאַרלירסט זיך דאָרטען,
אַן אימה, אַ שרעק, כאַפּט דיך אָן!
און ווען אַ וועלט זאָל וויסען פון די גרויליגע טהאַטען,
וואָס ווערט אין געפענגניש דאָרטען באַגאַנגען,
וואָלט זי צום לעבען און לוסט ניט געהאַט קיין פאַרלאַנגען,
און וואָלט אויף שטענדיג פאַרלאָרען דעם גלויבען
אין זיך, אין מענש און אין דעם וואָס זיצט אויבען
און קוקט אונטען, און פאַלט פון זיין „שטוהל”
ניט אַרונטער...

אנו, געה, פרעג דעם קאַלטען האַק,
וויפיעל קעפּ דאָס האָט געהאַקט?
פרעג דעם קלאָץ די צאָהל העלזער —
עס האָט געשניטען און געבראָקט?
און געה, פרעג די קאַלטע, נאַסע ווענט פון קעלער,
וואָס האָבען געהערט דעם לעצטען כאָרכעל פון
פאַרהונגערטען,

צום טויט פאַרמוטשעטען אין דער פינסטער...
זיי זיינען די איינציגע עדות אין די שוואַרצע זינד...

אומזיסט דאָס פרעגען! זיי זיינען טויב, שטום און בלינד,
און אויף אייביג וועט דאָס פאַרבלייבען
אַ שטילע טייפעלשע פאַנטאָמימע...
אָט אַזוי ווערט אַ פאָלק אין בלוט דערטרונקען
אין אַ לאַנד וואָס איז אַזוי נידעריג געזונקען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אפשר, טראַכסטו, אין די טיפענישען פון אומגליק,
אין תהום פון גוואַלטיגען בראָך
ליעגט אַ טרייסט פאַר דיר, אַ זין, אַ תוך?
ווי גאָלד — אין פייער מוז געשמאָלצען ווערען,
ווי פלאַקס — אין וואַסער מוז געוואַשען ווערען,
און... שווייג, שטיל! דרעה מיר ניט קיין ספּאַדעק!
כאַפּען זאָל עס אַלץ דער קאַדעק!
רעד צו מיר ניט קיין ווערטער פון טרייסט,
פון אפשר, פון טאָמער, ווער ווייס, ווער ווייס?...
אָט האָב איך פאַר דיר מעשה׳לעך
ריכטיגע, — ניט קיין אויסגעטראַכטע,
קלאָר ווי די זון אין מיטען העלען טאָג,
אין איהר ליכט און שיין איז דאָס געשעהן,
און הער זיי אויס, און וויין, און וויין...
מעשה׳לעך, וואָס רייסען אויס דיין האַרץ אַ קרעכץ, —
אַ ביטער געפיהל, אַ געמיש פון נקמה און שמערץ,
פיהלסט אין לייב אַ ציטער, אין ברוסט — אַ קעלט;
און אַ קנויל פון טרערען אין דיין האַלז שטעלט זיך,
ווי אַ שטעכיג ביין, שטיקסט זיך, ווערגסט זיך,
נישט אהער, ניט אהין...
דו לויפסט פון שטוב אַרויס — און אַ געוויין שיסט אויס,
ווי אַ רעגען נאָך אַ דונער האָט זיך ס׳האַרץ צעגאָסען,

וויינסט, וויינסט, וויינסט...
און נאכהער ווערסטו שטום און בלייבסט אָהן לשון...

ווי אַ ים האָט זיך אין מיר צעברויזט אַ צאָרן!
אַ כעס — ניט איינצוצאַמען, ניט אויסצולעשען.
גאָטעניו! שענק מיר אַ כוח, — אַ קראַפט אויף אַ ווייל,
אַ מעכטיגען, אַ שטאַרקען — דעם לעצטען.
און ראַכע נעהמען פאַר אַלע זינד פון אַלע צייטען,
און פון שלעכטס און באַטרוג — אַ וועלט איינלייגען;
און אין שטרייט, אין קרעכצען, אין ברומען,
צוזאַמען מיט זיי אומקומען...

אָט הער אַ מעשה׳לע — פון טויזענט איינע,
מיט שאָכטעלעך קליינע,
אָנגעפילט מיט אַש פון מענשליכע ביינער.
פון עטליכע הונדערט וויים איך, —
פיליכט פיעל מעהר, פיעל מעהר, זאָגט אפשר וויים ווער?
עטליכע הונדערט בליהענדע לעבענס — גאַנצע וועלטען,
פון פלייש, פון בלוט, ווי דו, ווי איך, ווי אַלע מענשען.
פיהלענדע נשמות, מיט האָפנונגען און פריידען,
צעהאַקט, צעבראָקט, פאַרברענט, צעמאַהלען;
צו אַש געבראַכט, צונויפגעדריקט, צונויפגעפרעסט,
אין קליינע שאָכטעלעך געפּאַקט, — און אָפּגעשיקט
יעדע איינע צו ווען דאָס באַלאַנגט.
טיכטיגע אַרבייט געמאַכט, — אַ דאַנק!
און רעד ניט מעהר פון דעם, איך בעט דיך!...

אַ גרויסער צער, אַ וועלט-שמערץ האָט פאַרוואָגעלט
אין אַ קליין קעסטעלע, — זיך אַליין באַגראָבען.
און די שכינה האָט איהר כבוד אין אַש איינגעהילט,
און טרויערט נעבאַך אויף דעם מענשליך-מין
וואָס האָט באַשאַפען... צי האָט זיך עס געלוינט?
צי האָט עס געהאַט אַ זין?

און קום, גײה, פֿאָװאָליע אין אַ שטילען אָרט
און רײס אַ לאַנגע קריעה דאָרט;
פֿאַר יעדען קדוש — אַ ריס אין דײן האַרצען,
פֿאַר יעדען קרבן — אַ װאונד אין דײן נשמה,
און שלײדער זײ דער װיסטער מענשהײט
אין איהר פֿאַלשען היפּאָקריטיש פּנים;
און רויט װערען פֿאַר חרפּה זאָל זי,
װי דאָס בלוט װאָס איז פֿאַרגאָסען.
און לאַנגזאַם פֿון פּאַרדרום זאָל זי װערען אױפֿגעפּרעסען,
און אַן אײביג אומרוה זאָל נאָגען, פּלאָגען איהר געװיסען.

איצט גײה אַהײם און זיץ אַ טױזענט יאָהריגע שבעה,
און מען זאָל מעהר פֿון דעם אַ פּיפּס ניט הערען...
און שאַ, שטיל, זאָל דײן האַרץ ניט ברױזען!
די מעשה איז נאַר אײנע פֿון טױזענד...

און האַלט אײן דײן צאָרן,
און פֿאַר כעס עס ניט אױס דײנע לונגען,
און פֿון װעהטאָג װער ניט צעשפּרונגען,
און הער — מעשיות פֿון רבנים, פֿרומע אידען,
מיט שטריק האַלז, הענט און פֿיס געבונדען
צו רעדער, פֿערד און װאָגען;
געשלעפּט איבער שטײן־ברוקירטע גאַסען
בײ בלוט־דורשטיגע בעסטיעס, — צעיושעטע מאַסען.
האָבען באַװיזען גבורות בײזע, העלדענטהאַטען גרױסע!
און זאָל אַ געמײנע װעלט װיסען,
צו װאָס ס׳איז פֿעהיג אַ מענשליכע בריאה.
און זאָל דאָס אָפּשאַצען מיט װירדע און לױן,
װי עס פּאַסט פֿאַר די זיהן פֿון מענשליך־פּסולת,
װאָס קען זיך דערטראַכטען צו אַזאַ שמערצליכען פּײן.
אַ שטאָדט באַציערען מיט גרין־און־גאָל,
און פֿאַרבען אױף רױט די געפּלאַסטערטע גאַסען

מיט׳ן בלוט פון הילפלאָזע, שוצלאָזע בירגער.
טויזענד — אויף איינעם, צעהן טויזענד — אויף צווייען;
מאַטערען אין קאַלטען בלוט אָהן אַ ברעקעל רחמנות,
קוקען — און זיך שמעלצען פון תענוג און נחת.

פרעה זיך ניט, מענשליכע מאַלפע!
דאָס איז ניט דיין אייגענע המצאה,
חמעלניצקי מיט זיינע הײדאַמאַקעס
האָבען פריהער מיט הונדערטע יאָהרען
דעם עקעלהאַפטען קונץ־שטיק באַוויזען.
אָבער אויף דיין קאָנטאָ און חשבון
זאָל דאָס ווערען פאַרשריבען.

איך הער דיין געוויין, דיין קריץ מיט די צייהן,
עס פלאַקערט דער מוח, ס׳האַרץ ווערט צעריסען,
און טרערען שטראָמען, גיעסען, גיעסען...
אויף אַ מעשה׳לע אַ קליינע,
פון אַ קדוש׳ל אַן איינטאָגיגען, —
נעבעך, ניט באַשערט געווען אויף לאַנגע יאָהר,
און וויין, און קלאָג, און רייס זיך די האָאָר!
וואָס אַ יונג מוטער, פאַרצווייפעלט פון צרות,
פון זינען געריהרט פון האס און נקמה, משמעות,
האָט איהר ערשט־געבאָרענעם אוצר׳ל געשאָכטען.
טיכטיג איינגעפאַקט, צוגעשיקט דעם טויטען נפש׳ל,
דעם יונגינקען פרישינקען מלאך׳ל,
צום הינטישען־ממזר, — אַ מתנה צו דער סעודה
פון אויפגעקלערטע קאַניבאַלען.
זאָל זיי וואויל ווי סם באַקומען!

און הער אַ מעשה׳לע, אַ שוידער, אַ גרויל!
פון אַ רב, ערגעץ וואו אין אַ שטעטעל,
צעריסען ווי אַ הערינג אין צווייען:

מיר הענט און פיס, דיר — אַ בויך און קעפּעל,
און שאַ, שטיל, אַ האָהן זאָל ניט קרעהען...

דו פּיהלסט אין ברוסט אַ וועהטאָג, אַ קלעם אין האַרצען,
עקעל מיט האַס, ביטער מיט כעס, אַלץ צוזאַמען.
די נשמה צעגעהט, צעגיסט זיך — ווערט צערונען,
קלאָגסט, יאָמערסט און וויינסט, סכנות-נפשות!
נאָכדעם פּיהלסטו בעסער, ווי נאָך אַ חלשות...

און אַט הער אמת'ע וואהרע געשיכטעלאך:
פון יונג, און אַלט, און קליינע קינדערלאַך,
פון טויזענטע מענער, פרויען און זקנים,
מיט פלוך און צאָרן, מיט „אַ שמע ישראל" איניינעם,
האָבען זיך געוואָרפען פון גאָרן, דעכער און פענסטער...
און פון פיעלע יונגע פּאָארלאך נאָך דער חתונה ערשט,
וואָס האָבען צווייטע שווארצע חופות געשטעלט...
מענער, ווייבער, איינס-אין-אַנדערן איינגעקלאַמערט, —
פון הויכע שטאָקען זיך אַרונטער געשליידערט.
און געה קוק אָן אַ פליישיגע מאַסע:
אין רינשטאָק בלוט און געהירן, —
פלייש און ביינער אין שטראַסע.
און אַצינד, זיי מוחל, געפין אוים ווער, ווען?...
טהייערע, זיסע נשמות אין לעבען און טויט
האָט אייך אייער ליעבע ניט צושיידט!...

און הער מעשה'לעך פון מענשען לעבעדיגע
אין וואסער געוואָרפענע, — פון פיעלע דערטרונקענע,
אין פייער פאַרברענטע, אין קעלטען דערפראָרענע,
פון דורשט פאַר'חלש'טע, צום טויט פאַרהונגערטע,
און נאָך, און נאָך, און נאָך
זאַכען פון אַ גרויסען בראָך...

און הער און זעה: — אַ פּחד, אַן אימה!
ווי אַ צאָהל זקנים אויפ'ן בית-עולם
גראָבען פאַר זיך אייגענע קברים;
אַליין די שמשים, אַליין די קברנים,
אַבי ניט אַריינפאַלען צו די תליונים.
קריכען אין גרוב אַריין, שיסען זיך דאָרט אין דר'ערד
איינס נאָכ'ן אַנדערן — איינס נאָכ'ן צווייטען.
און — זייט זיך מטריח, באַדעקט אונז מיט ערד!
ס'איז ניט נויטיג צו מאַכען אַ הספד,
אָבער קריעה רייסען נאָך אונז פאַרגעסט ניט.
און אויב איהר'ט ווען זיך דערמאָנען
אָן אונז אין „יאָמער טהאַל"
שיקט אונז אַ גרוס פון דאָרטען
מיט אַ „מזל-טוב" אַמאָל!
און זאָג: „ברוך דיין אמת" —
„אַ חברה קדישא" האָט זיך אַליין באַגראָבען,
און „חבוט הקבר" אויסגעמיעדען...

ניטאָ קיין ברעג, ניטאָ קיין גרונט צו ליידען און פּיין,
און הער, און זעה, ווי עס קען נאָך ערגער זיין...
ברעכסט די הענט — אַ ציטער, אַ שוידער!
פערציהן אַלטע אידען, נוטה-למות'ע אינוואַלידען,
אין „אַ מושב זקנים" גע'שחט'ן פון קאַניבאַלען, —
געשניטען העליזער, ווי איינפאַכע כפּרות, —
פאַרשפאָרט אַן אַרבייט דעם מלאך-המות...

צעהנדליגע טויזענטע יונגע קינדערלאַך געטריבען
פון היימען,
נעסטלאָזע פויגעלאַך, אָהן טאַטען, אָהן מאַמען, —
צעזעהט, צעשיקט איבער אַלע ימ'ען.
און וויסטע יתומים געפייניגט, געמוטשעט,
און אויף אייביג פאַרוואונדעט מיט צווייפעל און האַס.
ווייכע, צאַרטע הערצער און מוחות...

און אַ צופּ, אַ ריס, אוי וועה, אוי וועה!
יונגע עופה'לעך, זויגלינגע, פּיצעלעך קליינע,
וועהרלאָזע, שוצלאָזע קדושים'לעך האָבען
די שדים געשליידערט פון הייזער און פענסטער;
געוואָרפען מיט מעבעל און חפצים צוזאַמען,
ווי פויגעלאַך יונגע פון צעשמעטערטע נעסטען...

אַ פראַסט געהט איבער'ן לייב, עס כאַפּט אַ שרעק!
דו פיהלסט, -- דאָס בלוט אין דיר קיהלט — אַ סוף אַן עק!
און צום גליק, ברעכסט אויס אין אַ געוויין...

און קום, מיט מיר קום! קריך אויף טרעפּ אין שטיבער,
און זעה, אויף די דילען וואַלגערן זיך, דאָרט געגען איבער,
גלעזערנע פּילקעס, קייקעלאַך פון מאָדנע קאָלירען,
באַפלעקט מיט בלוט און פליישׁ, — ניט אָנצוריהרען.
דאָס זיינען אויגען, — מענשליכע אויגען, — פון די לעבער
אויסגעריסען מיט צוואַנגען און אַנדערע כלי-משחית.
אויגען פרישע, לעבעדיגע, — ערשט פון שטערן אַרויס,
דער גלאַנץ פון זיי נאָך ניט אויסגעלאָשען.
זיי קוקען אויף דיר, זיי שטעכען דיין מוח ווי שפּיזען,
זיי בעטען, מאַהנען עפּעס מיט גרויס רחמנות.
ס'האַרץ ווערט צעריסען, — ווייסט ניט וואָס זיי ווילען.
דו טרעטסט אויף צוריק, — קענסט ניט אויסהאַלטען
זייער בליק...
אָבער — פיהלסט עפּעס פליישיגס אונטער דיינע פיס,
דערקענסט עס גיך: דאָס זיינען אויערן, אמת'ע אויערן, —
אָפּגעשניטען ביי מערדערליך-גרויזאַמע הענט,
אויסגעגלייכט אימעצענס קאָפּ מיט די שלייפען...

אויפגעקלערטע חיה, צו וואס דו האָסט זיך דערטראַכט?
דער טייפעל אַליין וואָלט דאָס בעסער ניט געמאַכט!

און דיין האַרץ פּאַלט זיך פאַנאַנדער אויף שטיקער,
ווי בליי ווערסטו שווער, אומבאַוועגליך ווי אַ שיכּור,
און מיט אַמאָל, ווי אַ דונער זעצט-אויס אַ געוויין...
וועה און ווינד, פאַר וואָס און פאַר ווען?
קען אין דער וועלט מיר זאָגען ווער?
גיה פרעג דעם רויך, אפשר ווייס ער!

גוואַלט! וואו נעמט מען אַ שטראָף, אַ מורא'דיג פלוך,
וואָס ס'שטעהט ניט אין תורה און ניט אין קיין בוך,
וואָס געפינט ניט קיין אויסדרוק אפילו אין ווערטער;
און אויסגעלאָשען זאָל ווערען די זון מיט די שטערן,
און אַ וועלט זאָל פאַר'חושכ'ט ווערען,
ווי איך ווער פאַרפינסטערט...
צו וואָס פאַרשווענדען קוואַלען פון גאָלדענע שטראַהלען
פאַר שלאַנגען, וואַמפּירען און מענשליכע שפּינען?
מאָרד און רויב קענען סאַי-ווי קיין ליכט ניט פאַרטראָגען,
און שמוץ און ווערים קענען אין דער פינסטער זיך מעהרען.

און איצט הער אַ סוד, איך זאָג עס דיר איינעם,
איך בעט דיך, ברודער, דערצעהל דאָס ניט קיינעם!
די דאָזיגע מעשה'לעך זיינען נאָר איינציגע פאַלען
פון אַ געוואַלטיגען שרעקליכען אומגליק
ווי קליינינקע פּרישטשיקלעך אויף אַן אייטערדיג וואונד,—
שטיקלעך, פיצלעך פון אַ מורא'דיג בראָך...
אָבער טויזענטער זאַכען און מעשיות אָהן אַ שיעור
איז ניט מעגליך צו מאָלען, צו שרייבען אויף פּאַפּיער,
ווי ס'איז אומעגליך צו צעהלען די פלאַמען פון גיהנם.
מען קאָן ניט, מען טאָר ניט אַלץ איבערגעבען,
פון מויל צום אויער זאַכען דערצעהלען,
און דערביי ניט משוגע צו ווערען...

און די גרויסמוטהיגע וועלט? — עס כאַפּט אַ קעלט!
זי שווייגט, שאַ שטיל, — ווי אין אַ פינסטערע נאַכט...

ו

זי ווייס ניט פון פותר און פון קיין חלום.
דאָס רעכט שמוממט, — איז טויב און בלינד צו דיינע ליידען,
ניטאָ קיינער ווער זאָל לינדערן דיינע יסורים.
פון זעלבען טייג געקנאָטען זיינען מענשליכע ברואים;
מיט שטיינערנע הערצער — ניט צו באַוועגען,
מיט האַרטע געפיהלען — ניט צו אויפרעגען;
דאָס פאַלשע, פאַרגליווערטע פאַרזעהעניש,
וואָס הייסט „געוויסען" — מאַכט זיך גאָר ניט וויסען.
גאָטס באַשעפענישען ווערען אין בלוט פאַרטרונקען,
און די כלומר'שט מענשליכע צנועה
מאַכט מיט'ן פנים אַ פרומע תנועה,
מיט אַ האַרץ פון אַ קאַלטען לונג-און-לעבער,
מיט די אויגען צבוע'יאַקיש צום הימעל פאַרגלאָצט:
— „נעבעך, טאַקע אַ רחמנות, גלויב מיר אויף נאמנות!
כ'לעבען, דעם אמת צו זאָגען, די זאַך טהוט מיר באַנג,
אָבער פאַר דיר געהן זיך שלאָגען, איז ניט מיין פאַרלאַנג.
איך האָב מיינע אייגענע זאָרגען!
זעהסטו, אַ גוט וואָרט פאַר דיר,
אַ פרוטה, אַ גראָשען — מהיכא-תיתא!
פאַר וואָס ניט? — ס'איז דאָך אַ מצוה אַ גרויסע!
אָבער צוליב ז'עם הייליגען שלום,
פאַרשטעהסטו, מוז מען אַלץ פאַרקוקען,
און מען קען זיך מיט „יענעם" ניט איינרייסען".
געפעהלט אייך דיבורים פון אַ קרומען רוקען?
מיט בלוט געהט אָפּ אַ פאָלק אין מיטען העלען טאָג,
צעריבען אין שטויב, אין אַש, בפני עם-ועדה,
אַ שעיר-לעזאזל פאַר אַלעמענס זינד;
אַ קרבן פאַר מענשליך רעכט אויף דער עקידה...
און אַך און וועה! און אַך און ווינד!
גוואַלט! וואו נעמט מען אַ מעכטיגען „שפוך חמתך" —
זאָל זיך אויסגיסען אויף אַ פאַלשען „וצדקתך"
און מאַכען אַ סוף צו אַ מענשליך-געזינדעל...

און קוק־אָן אַ וועלט און ווער צעקייכט, צעפּלאַצט
פון געלעכטער!

אויף שטומע באַשעפענישען האָט זי רחמנות,
פאַר קעץ און הינט גרינדעט זי צופלוכטס ערטער,
בויט שפּיטאַלען פאַר פאַרוואונדעטע חיות.
פאַר אַלע שלעק געפינט זיך רעטונגס פלעצער,
פאַר אַלץ, פאַר אַלץ איז דאָ אַ פּלאַץ, איז דאָ אַן אָרט!
נאָר פאַר אַן עלענד, פאַרוואונדעט פאָלק,
פון פאַרשמאַכטע לעבעדיגע ברואים,
וואָס טרינקט זיך אין זיין אייגען בלוט:
מיט אויסגעשטאָכענע אויגען,
מיט אָפּגעשניטענע אויערן;
מיט לעבעדיג באַגראָבענע,
מיט לעבעדיג פאַרברענטע;
אויף אַש צעמאָלענע,
אין שאַכטעלעך געפּאַקטע;
אין שקלאַפען פאַרוואַנדעלטע,
אין אויסטויש פאַרהאַנדעלטע,
און פאַר סחורה אָפּגעזעצטע. —
פאַר איהם, פאַר איהם איז ניטאָ קיין „צער־בעלי־חיים”!
ניטאָ קיין מיטלייד, ניטאָ קיין רחמנות,
ניטאָ קיין געשטעל פאַר איהם אונטער דער זון;
קיין צופלוכטס אָרט, קיין רעטונגס פלאַץ
פאַר זיין קראַנקען געביין און פאַרוואונדעטע נשמה...
אָ! משוגע ווי איך ווער פון צאָרן,
דו מענשליכער וואָרים!

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

און איצט הער אוים אַ געשיכטע אין קורצען:
פון אַ גאָטס־פאַרכטיג פאָלק, צוריק מיט דורות,
וואָס האָט זיין לאַנד געהאַט צווישען גאָטלאָזע אומות, —
געהאַט אַ קורצען גלאָררייכען קיום,
מיט אַ לאַנגער געשיכטע פון צרות.

און עפּעס דורך אַ „מפני חטאינו"
איז געשטרויכעלט געוואָרען די אומה.
פון דעמאָלט־אָן האָט זי דאָס לאַנד פאַרלאָרען
און קען ניט געפינען קיין תקומה.
און פאַר לאַנגע יאָהרען האָט דאָס לאַנד געוואַרט
אויף איהר אַמאָליגען טייערען באַשיצער;
פאַרוויסט, פאַרפוסט, ניט געטראָגען קיין פרוכט,
נאָר געוויינט, געטרויערט אויפ'ן געוועזענעם באַזיצער.
און אָט האָט אויף אַ ווײַלע די זון אַ שיין געטהאָן, —
אַ ליכטיגער שטראַהל האָט די פינסטערניש צעשניטען,
און אַ פונק פון טרייסט האָט זיך אין אַ שמחה צעפלאַקערט,
צוריק האָט דאָס פאָלק באַקומען זיין לאַנד,
די ערד האָט געעפענט איהר בוזים,
זיך צעבליהט, געגעבען איהר פרוכט מיט פולער האַנט,
און פון גרויס פרייד האָט זי זיך אַזש צעטאַנצט...
אַנטשולדיגט! ... שיער פאַרגעסען צו זאָגען,
גאָט האָט איהם אַ לאַנד געשאָנקען מיט אַן אַפּטרופּוס,
צו אַלדע קלאָגען און שוואַרצע רוחות...
און די צרות פון דעם אַפּטרופּוס,
אָדער אָפּעקון, ווי מאַנכע זאָגען,
איז ניט אויסצוהאַלטען, ניט צו דערטראָגען.
עס איז גאָר ניט צו פאַרשטעהן
דעם צוויי־פּנים'דיגען פאַרשוין.
וואו נאָר אַ קריעג, ווערט ער אַ בורר,
וואו נאָר אַ חלוקה, — שטופּט ער אריין אַ האַנט;
נעמט פאַר זיך דעם בעסטען חלק,
דאָס איבעריגע — שלאָגט אייך קאָפּ אָן וואַנט!
און שאַרט הייסע קוילען תמיד מיט פרעמדע הענט...
אַזאַ טבע האָט שוין דער בעל־דבר,
אַלץ וואָס ער טהוט — איז קידער־ווידער, —
אַ ספּאָדעק פאַרדרעהן, צייהנער פאַררייידען.
זאָגסטו טאָג, — איז ביי איהם נאַכט,
מעגסטו פלאַצען — אַרט איהם ווי די וואַנט;
און געה, פאַרשטעה דעם דאָזיגען „גברא",

אַז אַלץ איז ביי איהם — „איפכא־מסתברא״...
ער האָט פון דעם לאַנד געגען פאָלקס ווילען
דעם גרעסטען חלק אָפּגעשניטען,
געהערט אַ מעשה? גלאַט אַזוי, — ניט מיר, ניט דיר;
און האָט עס גרויס געמאַכט ווי אַ „טל־ומטר״,
איז דאָס נאָך פאַר איהם ווענינ, — האָט ער
ווידער געשניטען — אַצינד געה זיי יוצא
מיט אַ כזית וואָס סע סטייעט קוים אויף אַן המוציא...
און תמיד פאַרמינדערט און שטענדיג פאַרהינדערט,
און צום סוף האָט ער פון דער מדינה געמאַכט
אַ ביהנע פון קריג און שלאַכט.
פאַרשלאָסען טהיר און טויערן
און געה שריי צו טויבע אויערן...
„שאַ, שטיל״, — זאָגט ער, — „נעם זיך ניט צום הארצען,
האָב קיין עגמת נפש, און זאָל דיך ניט פאַרדריסען;
דו האָסט אויף דיין לאַנד אַ תביעה?
זעהר שעהן! איך זעה אין דעם ניט קיין מניעה.
אָבער צו וואָס טויג דיר״ — זאָגט ער — „אַ קליינע מדינה,
וואָס דו מוזט זיך טהיילען מיט דיין שכן,
דיין קרוב און בלוטיגען מחותן?
טהו בעסער ווי איך ראָטה דיר, — האָב אין מיר בטחון:
אין הרי חושך האָב איך פאַר דיר גוטע לענדער,
מדבריות, זומפּען, הינטער סמבטיון, פיינע ערטער.
אַלץ, אַלץ וואָס דיין הארץ פאַרלאַנגט,
נאָר ניט דיין אייגען לאַנד!״...

איצט פיהל איך און פאַרשטעה,
אַז דער כלומר׳שט גוטער אָפּעקון
וויל מאַכען אין נאמנות, אין חשבונות אַ פאַרדרעה;
צו אַ צוזאָג, צו אַ צוטרוי — אַ מחק,
צו דיין לאַנד, צו דיין שוויים און האַק און פּאַק...
טאָ נעם זיך ניט דאָס לעבען, מיין פאָלק!
אויסכאַפּען וועט איהם דער זעלבער קלאָג,
דער זעלבער אומגליק וועט איהם באַפאַלען.

אויב ניט איצטער, וועט זיין שפּעטער;
און פאַנאַנדערפאַלען וועט אויף שטיקער
פון באַטרוג און פאַרראַט אַ גרויסע מאַכט;
עס מעגען דורות פּאַראַיבער, פּילייכט,
אָבער אַ שטראָף וועט איהם ניט אויסמיידען...

און דערוויייל ווערט אַ פאָלק בלוטיג אויסגעלאַכט,
פון אַ הייליגען דראַנג, — אַ הערליכען שטרעבען
פון טויזענטער יאָהרען, — חוזק געמאַכט.
און אויסלעשען וויל מען אַ ליכטיגען שטראַהל
מיט פאַלשע הבטחות, מיט באַבסקע סגולות...
און שעכטען און טויטען אַ וואונש פון אַ פאָלק
וועד וויים אויף ווי לאַנג? ווער וויים אויף ווי לאַנג?
וואָס טהוט מען? עס איז ניט אַהער און ניט אַהין.
פאַרפלוכט זאָל ווערען דער מענשליך-מין!

און דאָך, מיין פאָלק, צו שטאַרק, צו גרוים
האָט זיך אַ האָפנונג צעוואַקסען;
צו לאַנג אַ טרוים געכאָוועט, געפלעגט,
מען זאָל דאָס מיט אַ פאַלשען קוש קענען טויטען
און אַזוי לייכט פון דיין הארצען אַרויסרייסען...
צו דעם לאַנד, — דעם געצופּטען,
צום לאַנד — דעם קליינעם, געה אַהין!
נאָר דאָרט פאַר דיר האָט דאָס לעבען אַ זין!
שטופּ זיך, יאָג זיך מיט אימפּעט,
לויף מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטהעם;
דורך שפּאַרינעס, דורך לעכער, דורך שפּאַלטען,
ווי פלעדער-מייז, ווי ניט גוטע אין דער פינסטער;
געשווינט, געשווינט, איינער נאָך דעם אַנדערן,
ווי היישעריקען באַפאַל דאָס טהייער לאַנד.
מיט די פויסטען זעץ אין די פאַרריגעלטע טהירען!
מיט קעפּ, פים און הענט, מיט לייב-און-לעבען און מוטה
דערוועדב צוריק דאָס לאַנד, דיין היים, מיט בלוט,
צעברעך די ווענט און אַלע שטערונגען אין וועג.

פאַנאַנדער־עפּען ברייט די טויערען פאַר׳ן פאָלק.
מיט דיין בלוט וועסטו פּעט מאַכען דעם באָדען,
און באַוואַסערן דאָס לאַנד מיט דיינע טרערען;
אַ קרבן בעסער פאַר זיך זעלבסט ווער!
איידער פאַר די טריפה׳נע חזירים...

און אויב, צום גרויסען אומגליק,
וועלען אויך די אַלע זאַכען דיר ניט העלפען,
און דער איינציגער שטראַהל וועט פאַרשווינדען,
און די לעצטע האָפנונג וועט דיך פאַרלאָזען.
און דער בלוטיגער שוויים פון דיינע זיהן און טעכטער
וועט זיין אומזיסט, אומנישט אַרויסגעוואָרפען;
און אין קאַמף וועט געהן פאַרלאָרען
דער שעהנסטער טרוים — דער העכסטער ציעל...
טאָ ווער, מיין פאָלק, ניט ווילד פון צאָרן,
און שווייג שטיל!
איך האָב פאַר דער מענשהייט אַ שטראָף אַ גרויסע,
וואָס וועט זיך תמיד אויף איהר אויסגיסען;
זאַכען, וואָס זי וועט ניט ווילענדיג באַשטרעבען,
און וועלען, — און ניט קענען פון זיי פּטור ווערען:
אין שטענדיגער מורא און פורכט וועט זי לעבען,
איינער אויפ׳ן צווייטען אַ פּחד אָנוואַרפען;
אין קנאה און שנאה זיך אימער טרינקען,
אין מלחמה און קריעג זיך זעלבסט אויפרעסען,
און פויסט און מאַכט, — וועט רעכט באַדייטען.
אימער שלום זוכען, — און קריעג אין זינען האָבען;
אין כלי־משחית איינס אַנאַנדער איבעריאָגען,
ווי שפּיר־הינט — איינער דעם צווייטען נאָכשפּירען;
פלייש פון פריש יונג לעבען — פאַר קאַנאָנען וואַרפען,
און יונגע טעכטער פאַר אַלמנות מאַכען.
און פאַרהערליכען וועט אַ וועלט אַ מעשענעם קנעפּעל,
מיט שפּאָרען אויף שטיוועל, — אויפ׳ן היטעל אַ בלעכעל.
און זאַלבען הינטישע ממזרים
פאַר פיהרער און פאַרטרעטער,

און אײַנשאַפּן זיך צוויי־פּיסיגע אָפּגעטער;
און אַן עולם זאָל זיך בוקען צו אַ לעבעדיגען גולם,
און, צו גרויס שאַנדע, פון איהם ווערען געשמיסען;
און אימת־מות פאַר איהם מורא האָבען...
און לאַנג, לאַנג זאָל דער צושטאַנד אָנהאַלטען,
ביז די נאַרעשע פאַרשטאָפּטע מוחות
װעלען אין קריעג און שטרייט פאַרלירען די כוחות.
און די װיסטע טיפּשים, זייט מוחל,
װעלען צום סוף קומען צום שכל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און בינו־לבינו —
פרעגסטו װידער, װאָס טהוט מען? װאָס טהוט מען?
ציהסט אונטער דעם לעצטען סך־הכל:
מיט אַ צעבראָכען געמיטה, אַ צעװייטאָגטע נשמה, —
אַ הארץ צעריסען אויף שטיקער;
אויסגעמאַטערט, פון כוחות אויסגעשעפּט,
װי אַ שאָטען פון אַ קראַנקען בוים;
אָהן האָפנונג, אָהן לעבען, אָהן לוסט,
אָהן אַן איצט, אָהן אַ שפּעטער;
מיט אַ פאַרװאונדעטען גייסט, און אויסגעלאָשען גלויבען,
פון האַס און צאָרן — פאַרביטערט, פאַרגיפטעט.
אַ טרוקען אויסגעזויגען ביין,
אַן אָפּגעשלאָגענע „הושענא“,
אויסגענוצט, אויסגעקוועטשט ביז׳ן לעצטען תכלית;
באַרויבט, באַשפּיגען, מיט די פיס צעטראָטען,
אַ לעבעדיג װעזען, — אַ פאָלק, — פאַר סחורה געביטען,
צו קליינגעלט געמאַכט;
פאַרשאַכערט, פאַרטוישט, װי קנעכט אויפ׳ן מאַרק...
און... געװוג, גענוג, מיין טהייער פאָלק!
גענוג צו רעכענען, גענוג צו צעהלען:
איך װיים דיין בראָך, איך װיים דיין קלאָג!
איצט, צום סוף, װיש אוים דיין אויסגעלאָשען אויג,
דערשטיק אויף שטענדיג אין זיך די טרער.

פאַרשטאַרק דיין גייסט און קלאָג ניט מעהר,
האַרט ווי שטיין פון יסורים ווער,
שאַרף און שניידענד, ווי אַ צעבראָכען גלאָז,
און זאָל אַ האַרצלאָזע וועלט ניט מיינען,
אַז מיט דיין יאָמערן און וויינען
איז זי לויז געוואָרען פון אַ צרה, —
ווי אַן אָפּגעשלאָגענע כּפּרה —
געקוילעט, — און פּטור־אַן־עסק...
ניין, ניין, עס לאָזט זיך גאָר נישט אויס!
זי וועט פון דיר נאָך האָבען צו זינגען און צו זאָגען...
נאָר ביז וואַנען, וואָס, ווען,
אין וועג אַריין מיט מיר קום!
אויף הינטער קוק זיך ניט אום,
מיט דערפאַהרונג גורט־אָן דיינע לענדען,
אוּן נעהם אויף דיין הויקער אַ פּעקעל פון ליידען, —
און אין דער וועלט אַריין געה!
אומעטום, אין אַלע עקען פון דער גאַנצער וועלט,
וואו אַ מענשליך וואָרים האָט געשטעלט זיין געצעלט, —
אויף און אין דר'ערד זיך צעשפּרייט.
שטעה איהם תמיד ווי אַ דאָרן פאַר זיינע אויגען,
אומדערוואַרטעט, ניט געבעטען,
ווי פון דער ערד אַרויסגעשפּרונגען.
ווי שוועמלעך נאָך אַ וואַרם רעגען,
וואו מען זעעט ניט — דאָרטען שפּראָצען;
אויף פרעמדע חתונות, יאַרידען,
אויף שמחות און אַלדע קלאָגען;
מיט אַ פּרצוף פון אַ וויסטען נעבעך,
כלומר'שט ווי אַ תמ'עוואַטער למך,
אונטער זיינע פיס זיך פּלאָנטער.
ווי אַ פינסטערער שאָטען אין אַ בלינדער נאַכט,
פאָלג איהם נאָך אויף יעדען שריט און טריט;
ווי אַ וואַכזאַמער הונט — זיין בעל־הבית,
קוק איהם גלייך געהאַרכזאַם אין זיין האַרטען פּנים.
און מיט אַ פאַרשטיינערט בליק און אויסגעשטרעקטע
אויגען,

שפרייט אוים פאַר איהם דיין פעקעל צרות,
אַנטבלויז פאַר איהם דיינע אַלטע און פרישע וואונדען;
און ווי בייזע שרעקען וועלען זיי אין איהם וועקען,
געפיהלען פון רחמנות מיט חלשות אינאיינעם.
און פאַרזיכטיג, אומבאַוואַכט,
ווי אַ פוקס אין אַ שטילער נאַכט,
גנב'ע זיך אַרין אין זיין פוסטען קאַלטען האַרצען;
און ביסלעכווייז נאָגען זיין פאַרגליווערטע נשמה,
און וועקען אומרוה אין זיין טרוקען גייסט.
און אָנפיהלען פוסטע קעפּ און ליידיגע מוחות
מיט נייע געדאַנקען, מיט מאָדנע באַגריפען,
מיט פרישע, שפּאָגעל-נייע תורות.
מיט זאָנדערבאַרע לעהרען פון אַ נייער אויפקלערונג,
וואָס וועלען אומבאַרמהערציג איבערקערען
און צעשטערען דעם פאַרפוילטען אַרט לעבען, —
מיט די סאַמע וואָרצלען אויסרייסען,
ווי בוימער נאָך אַ שטורם אַ גרויסען...
און פליסטער בשעת-מעשה צום יודע-מחשבות
אַ שטילע תּפילה: — „גאָטעניו! דו ביזט מיין עדות,
איך האָב דאָס ניט געוואָלט, — די זאַך איז מיר פריקרע,
זיי האָבען מיך אין מיין נויט צו דעם געצוואונגען...
און אפשר איז דאָס טאַקע בעסער, ווער ווייס?"

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און א קינה אַ ניט דערקלאָגטע, א ניט דערוויינטע
זאָל עס אויף אייביג פארבלייבען לדראון עולם.

רעדאקטאָרס באמערקונג:

אויף דער זייט 34, 7טע שורה, האָט זיך אריינגעגנב'עט א טיפּאָגראַפישער טעות. עס דאַרף געלעזען ווערען: „גנב'ע זיך אריין אין זיין פּוסטען קאַלטען הארצען", אנשטאָט: „גנב'ע זיך ארין אין זיין פּוסטען קאַלטען הארצען".